Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

דער ייִדישער
# טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 13, נומער 3 (63)
אָדר תּשס״ח/מאַרץ 2008

# אַ באַגעגעניש מיט דניאל מענדעלסאָן[1]

ווען אַ באַרימטער שרײַבער קומט פֿון אַמעריקע צו רעדן אין פּאַריזער ייִדיש־צענטער וועגן זײַן בוך וואָס קריטיקער אויף צוויי קאָנטינענטן האָבן שוין אָנגערופֿן אַ מײַסטערווערק – איז עס אַ גרויסער כּבֿוד[2] און אַ גרויסע פֿרייד.

דעם 19טן יאַנואַר איז דניאל מענדעלסאָן געקומען רעדן וועגן די *פֿאַרלוירענע*, אַ ווערק וואָס האָט שוין באַקומען די העכסטע ליטעראַרישע פּרעמיעס אי אין אַמעריקע אי אין פֿראַנקרײַך. אין אַ פֿול געפּאַקטן זאַל האָט זיך דער עולם[3] צוגעהערט צו אַ שמועס צווישן דעם מחבר[4] און דעם פֿראַנצייזישן שרײַבער און זשורנאַליסט פּיער אַסולין. מענדעלסאָן האָט גערעדט אויף פֿראַנצייזיש (אַגבֿ[5] זייער אַ שיינעם פֿראַנצייזיש) דערקלערנדיק אַז ער איז פֿון לאַנג אָן אַ ליבהאָבער פֿון פֿראַנצייזישער קולטור און ליטעראַטור, און אַז צווישן זײַנע באַליבטע שרײַבערס זײַנען דאָ פּרוסט, סטענדאַל און באַלזאַק. נאָך דעם שמועס האָט מען פֿאָרגעלייענט אַ פֿראַגמענט פֿונעם בוך – זשיל ראָזיע פֿון דער פֿראַנצייזישער איבערזעצונג און יצחק[6] ניבאָרסקי פֿון זײַן אייגענער איבערזעצונג אויף ייִדיש, געמאַכט עקסטרע[7] צו דער געלעגנהייט[8]. כאָטש[9] מענדעלסאָן רעדט ניט קיין ייִדיש האָט ער גענוג פֿאַרשטאַנען צו האָבן הנאה[10] פֿונעם לייענען.

דניאל מענדעלסאָן איז געבוירן געוואָרן אין ניו־יאָרק אין 1960, האָט שטודירט קלאַסישע שפּראַכן (גריכיש און לאַטײַן) און איז הײַנט אַ פּראָפֿעסאָר פֿון הומאַניסטיק אין באַרד קאָלעדזש אין שטאַט[11] ניו־יאָרק. אין אַמעריקע איז ער שוין לאַנג באַקאַנט ווי אַ זשורנאַליסט : זײַנע אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור, קונסט און טעאַטער דערשײַנען אין אָנגעזעענע[12] צײַטשריפֿטן. אַזוי ווי ער איז אַ קלאַסיציסט איז נישט קיין חידוש[13] אַז זײַנע גאָר באַליבטע ביכער זײַנען האָמערס איליאַדע און אָדיסעע, וואָס דערציילן אַ מלחמה[14] און אַ לאַנגע וואַנדערונג אַהיים. אַזאַ טעמאַטיק איז גאַנץ נאָענט צו זײַן אייגן בוך.

### אַ ייִדישע אָדיסעע

די „פֿאַרלוירענע“ פֿונעם טיטל זײַנען זעקס מענטשן פֿון דעם מחברס משפּחה[15] וואָס זײַנען אומגעקומען[16] אינעם חורבן[17] און וואָס ער פּרוּווט, דורך לאַנגע יאָרן און איבער ווײַטע לענדער, געפֿינען זייערע שפּורן[18]. אַ מין[19] אָדיסעע, הייסט עס, נאָר אויף אַ ייִדישן אופֿן[20].


דניאל מענדעלסאָן (פֿאָטאָ : מאַט מענדעלסאָן)

דער מחבר מאַכט אַ פּאַראַלעל צווישן זײַנע אייגענע זוכענישן און אַנטדעקונגען און אַ פּאָר וויכטיקע טעמעס פֿון תּנך[21], ווי דאָס גלוסטן[22] צום וויסן (אָדם און חווה[23] און דער בוים פֿון וויסן) די קינאה[24] צווישן ברידער (קין און הבֿל[25]), די צעשטערונג[26] פֿון אַ וועלט (נח[27]). אָנהייבנדיק מיט באָלעכאָוו – זײַן זיידנס שטעטל אין גאַליציע – ווער

[סוף זײַט 8]

1. Daniel Mendelsohn, auteur des *Disparus* (Flammarion, 2007)/author of *The Lost* (Harper, 2007) 2. koved honneur/honor 3. oylem public/audience 4. mekhaber auteur/author 5. agev au passage/by the way 6. yitskhok 7. exprès/specially 8. pour l'occasion/for the occasion 9. bien que/although 10. hanoe plaisir/pleasure 11. état/state 12. importants/distinguished 13. … khidesh pas étonnant/no wonder 14. milkhome guerre/war 15. mishpokhe famille/family 16. péri/perished 17. khurbn Shoah 18. traces 19. min sorte/sort 20. oyfn façon/manner 21. tana'kh Bible juive/Jewish Bible 22. désir/yearning 23. odem … khave Adam … Ève 24. kine jalousie/jealousy 25 kain … heyvl Caïn … Abel 26. destruction 27. noyekh Noé/Noah

# אַ שוואַרץ יאָר[1], נישט פֿאַר אונדז געדאַכט[2]



**אָטאָ דיקס „דער מאַטראָס און דאָס מיידל“ (1926)**



אינעם מוזיי מאַיאָל אין פּאַריז איז לעצטנס געווען אַן אויסשטעלונג[3] מיטן נאָמען „דײַטשלאַנד, די שוואַרצע יאָרן“[4]. מסתּמא[5] וואָלט מען געקענט באַצייכענען דעם גאַנצן פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אין דײַטשלאַנד ווי אַ שוואַרצן, נאָר די אויסשטעלונג נעמט אַרום בלויז די צײַט צווישן אָנהייב ערשטער וועלט מלחמה[6] און סוף[7] ווײַמאַר־רעפּובליק (ד"ה די יאָרן 1933-1914). דער צײַט־אויסקלײַב איז ניט נאָר אַ רעזולטאַט פֿונעם גאַנג פֿון דער געשיכטע, נאָר ס'איז באַדינגט[8] דער עיקר[9] דורך קינסטלערישע פֿאַקטאָרן.

מלחמה־קונסט

אַ מאָל איז קריגס־מאָלערײַ געווען זייער אַן אָנגעזעענער[10] זשאַנער קונסט. יעדער קעניג, צאַר אָדער קיסר[11] האָט געוואָלט איבערלאָזן דער אייביקייט באַווײַזן[12] פֿון זײַנע העלדישקייטן[13] (אויסגעטראַכטע אָדער אמתע[14]). ווײַזט אויס אַז די ערשטע „מאָדערנע“ מלחמה איז אויך געווען די לעצטע וואָס איז סיסטעמאַטיש פֿאַראייביקט געוואָרן אויף אַ מאָלערישן אופֿן[15], און טאַקע דורך דײַטשע קינסטלער. בײַ קיין שום אַנדער נאַציע וואָס האָט אָנטייל גענומען אין אָט דעם שרעקלעכן עפּיזאָד פֿון דער געשיכטע, איז נישט געווען אַזאַ רײַכער קינסטלערישער אָפּרוף[16] אויף די שווערע איבערלעבונגען. אין יענער צײַט האָט זיך מער ווי איין קינסטלער פֿרײַוויליק געמאָלדן[17] אין דער דײַטשער אַרמיי. נישט וואָס זיי זענען דווקא[18] געווען פֿאַרברענטע נאַציאָנאַליסטן, נאָר יעדער איינער האָט געהאַט אַ פּערזענלעכן גרונד. אייניקע האָבן געמיינט אַז כּדי[19] זיך אויסצושמידן[20] ווי אמתע מענער און קינסטלער מוזן זיי ערשט דורכלעבן אַזאַ דערפֿאַרונג. אָטאָ דיקס (1969-1891) למשל[21] האָט שפּעטער דערקלערט : „איך האָב געדאַרפֿט זען מיט די אייגענע אויגן ווי אַ מאַן פֿאַלט לעבן מיר און שטאַרבט אַוועק [...], איך האָב געדאַרפֿט זען אַלע אָפּגרונטן[22] פֿון לעבן“. אַנדערש ווידער האָט געאָרג גראָס (1959-1893) נאָך פֿאַר דער מלחמה אויסגעדריקט זײַן קריטיק פֿון דער געזעלשאַפֿט דורך אַפּאָקאַליפּטישע סצענעס פֿון בלוטיקע פֿאַרברעכנס[23] און מאָרדן. שפּעטער האָט ער זיך געמאָלדן, גלייבנדיק אַז דער קריג וועט מיט זיך ברענגען דעם סוף פֿון דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט. שוין בשעת[24] זייער דינסט, האָבן עטלעכע מאָלער געצייכנט דאָס טאָג־טעגלעכע שרעקבילד. די צענזור האָט ניט געלאָזט די סאָלדאַטן באַשרײַבן די אמתע לאַגע אין זייערע בריוו אַהיים. מע האָט געוואָלט אָפּהיטן די מאָראַל פֿון דער באַפֿעלקערונג. נאָר צו בילדערישע אויסדרוק־מיטלען האָט זיך די צענזור, גיי ווייס פֿאַר וואָס, נישט צוגערירט. האָט אָטאָ דיקס גענומען שיקן דער משפּחה[25] און דער געליבטער אַליין־געמאַכטע פּאָסטקאַרטלעך. אַזוי אַרום האָט ער אויסגעגאָסן זײַן האַרץ, ניט אין ווערטער נאָר אין בילדער. אַ מאָל צייכנט ער די שוצגראָבן[26], אַ מאָל אַ מיליטערישן שפּיטאָל, אַ רוסישן סאָלדאַט אָדער זיך אַליין אין אַ זעלטענער רגע[27] רו. אין יענער צײַט מאָלט מען בכלל[28] נישט קיין גרויסע מאָנומענטאַלע שלאַכט־סצענעס, נאָר די קינסטלער קלײַבן אויס איינצלנע פֿראַגמענטן פֿון זייערע איבערלעבונגען. נאָך דער מלחמה דערשײַנען עטלעכע אַלבאָמען מיט אַזעלכע מאָמענטן, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ קאַליידאָסקאָפּ פֿון מלחמה־דערפֿאַרונג.

דער קריזיס

נאָכן צוריקקער פֿון פֿראָנט, טרעפֿן די קינסטלער אָן אויף אַ געזעלשאַפֿט וואָס מאַכט אַדורך גאָר אַ שווערן קריזיס. זיי באַטראַכטן דעמאָלט ווײַטער מיט אַ קריטישן בליק דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן צושטאַנד פֿון לאַנד. ווי אין זייערע מלחמה־ווערק, ניצן די קינסטלער פֿאַרשיידענע סטילן : סאַטירישע קאַריקאַטורן פֿון אָפֿיצירן און גלחים[29], אָדער קוביסטישע בילדער פֿון דער גרויסער שטאָט, מיט פֿאַרבנרײַכע צייכענונגען אָדער שוואַרץ־ווײַס גראַווורן. אויך דאָ האָבן זיך די קינסטלער קאָנצענטרירט אויף איינצלנע דעטאַלן און סצענעס כּדי איבערצוגעבן זייער וויזיע.

די אויסשטעלונג איז געמאַכט אויף זייער אַ דידאַקטישן אופֿן, מיט אַ סך פֿאָטאָגראַפֿיעס, אַפֿישן, דאָקומענטן און פֿילמען וואָס שאַפֿן אַ פֿאָן[30] צו די קונסטווערק גופֿא[31]. אַרויסגייענדיק נעמט מען מיט זיך מיט אַ שטאַרקן אײַנדרוק פֿון אָט די שווערע יאָרן.

1. une année noire (souvent utilisé comme malédiction)/a black year (often used as a curse) 2. Que cela nous soit épargné !/May it never befall us! 3. exposition/exhibition 4. "Allemagne, les années noires", musée Maillol, Paris 5. MISTOME probablement/probably 6. MILKHOME guerre/war 7. SOF fin/end 8. déterminé/determined 9. ...IKER surtout/mainly 10. très en vue/popular 11. KEYSER empereur/kaiser 12. preuves/proof 13. actes héroïques/heroic deeds 14. E'MESE vrais/real 15. OYFN manière/way 16. réaction 17. s'est enrôlé/enlisted 18. DAFKE véritablement/really 19. KEDE'Y afin de/in order to 20. se forger/*here* mature 21. LEMOSHL par exemple/for example 22. abîmes/depths 23. crimes 24. BESHA'S pendant/during 25. MISHPOKHE famille/family 26. tranchées/trenches 27. REGE moment 28. BIKHLA'L en général/in general 29. GALOKHIM prêtres/priests 30. toile de fond/background 31. GUFE eux-mêmes/themselves.

# דער האַלבנאַכטגאַסט[1] און דער טשײַניק[2] וואַסער

## דערציילונג און בילדער פֿון מאַרינאַ אַלעקסעיעוואַ

אין יענער צײַט בין איך געווען אַ יאָר פֿיר אָדער פֿינעף. מיר האָבן געוווינט צוזאַמען מיט מײַן יונגער מאַמען און אַ שכנטע[3] אין אַ קליינער בשותּפֿותדיקער דירה[4] פֿון צוויי צימערלעך. צו אונדז האָט געהערט דאָס גרעסטע און מסתּמא[5] דאָס שענסטע צימער מיט צוויי פֿענצטער ; אין דעם צווייטן צימער האָט געלעבט די שכנטע קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, אַ פֿופֿציק יעריקע אַלטע מויד, אַ שטילע און שטענדיק אַ גוט געשטימטע. געאַרבעט האָט זי ערגעץ ווו אויף אַ פֿאַבריק, איז געווען דורכויס טויב און האָט זייער ליב געהאַט צו רייניקן זאַכן, באַזונדערש אין אונדזער בשותּפֿותדיקער קיך (דאָס לעצטע האָט געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין די ווײַטערדיקע געשעענישן וועלכע איך גרייט זיך צו באַשרײַבן).

וואָס עס מיינט דאָס וואָרט „געסט“ האָב איך שוין דעמאָלט גוט געוווּסט. עפּעס יום־טובֿדיקס[6], אַ פֿײַערלעכס[7], אַ מתּנהדיקס[8]. מיר זענען געגאַנגען צו גאַסט צו דער משפּחה[9] און חבֿרים[10] און מען איז אויך געקומען צו אונדז, ברענגענדיק אַלערליי מתּנות[11], בלומען אָדער לכל־הפּחות[12] אַ קעסטל שאָקאָלאַד. די געלעגנהייטן[13] זענען געווען אַ סך. צו דער קאַטעגאָריע געסט האָט אַפֿילו[14] געהערט מײַן אייגענער טאַטע, אַ שיף־מעכאַניקער, וועלכער האָט פֿון זײַנע רײַזעס מיר געבראַכט טשיקאַוועס[15], אַ מאָל אַן אויסגעשטאָפּטן[16] פֿיש, אַ מאָל אַ גרויסן ים־מולטער[17].

אין מיטן נאַכט האָב איך פּלוצעם דערפֿילט אַ סכּנה[18] און כ׳האָב באַלד אויפֿגעמאַכט די אויגן. די מאַמע איז געזעסן אין דער פֿינצטער בײַם טיש לעבן דעם פֿענצטער און אַנטקעגן איר – אַ פֿרעמדער מאַן. בײַ דער שײַן פֿון דער לבֿנה[19] איז דאָס צימער געווען ווי אַ ים־דנאָ[20], און דעם טאַטנס ים־מולטערס האָבן אַרויסגעקוקט פֿונעם ביכערשאַנק ווי די ציינער פֿון אַ ריזיקן דראַקאָן. „מאַמע, האָב איך געפֿרעגט, ווער איז ?“. די מאַמע איז כּמעט[21] אונטערגעשפּרונגען און איז די מינוט צוגעלאָפֿן צו מיר. – „ס׳איז וויקטאָר, ער איז געקומען צו גאַסט. מע לייענט. שלאָף זשע !“.

דער מאַמעס סימפּאַטישן חבֿר וויקטאָרן האָב איך שוין עטלעכע מאָל געזען. נאָר אַ האַלבנאַכטגאַסט איז ניט קיין אמתער[22] גאַסט, און אַגבֿ[23] קיין מתּנה איז ניטאָ. וואָס שייך[24] לייענען, ווייסן אַלע, אַז מע לייענט בלויז בײַ טאָג, אָדער אין אָוונט בײַ אַ לעמפּל. – „מאַמע, איך בין דורשטיק“. די מאַמע איז אַרויסגעלאָפֿן אין קיך און איז גלײַך צוריקגעקומען מיטן





טשײַניק וואַסער.
מיט דרײַסיק יאָר
צוריק האָט מען מערסטנס
געטרונקען קאַלטן קיפּיאַטאָק[25]
(געזאָטענע[26] וואַסער) און, אַז קיין
וואַסער האָט די מאַמע די נאַכט ניט אָפּגעזאָטן,
האָט זי אויסגעבאָרגט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַס טשײַניק. אָבער...
„פֿע, מאַמע, ס׳איז ניט געשמאַק“. האָב איך זיך געקלאָגט און כ׳בין שטילערהייט אײַנגעשלאָפֿן. וואָס עס האָט די מאַמע איבערגעלעבט די נאַכט, ווייס איך ניט גענוי, אָבער זיכער האָט זי אויף קיין איין מינוט ניט פֿאַרמאַכט די אויגן, ווײַל אין דעם טשײַניק, וועלכן די גוטע שכנטע האָט ניט פֿאַרגעסן צו רייניקן, איז ניט געווען קיין וואַסער, נאָר אַ מין לויגוואַרג[27], אַ רייניקונג־מיטל. און איך, די טאָכטער, האָב געטרונקען די געפֿערלעכע פֿליסיקייט[28], גרייט אויף אַלדינג, כּדי[29] צו פֿאַרטיידיקן[30] מײַן מאַמע קעגן ניט אײַנגעלאַדענע געסט.

שפּעטער האָט מען גוט געלאַכט איבער דעם אַלעם. אין דער מעשׂה[31], וועלכע איז געוואָרן אַ שטיק פֿונעם משפּחה־פֿאָלקלאָר, האָט מען מיך פֿון דעמאָלט אָן גערופֿן „דאָס מיידל פֿונעם טשײַניק וואַסער“. אָבער וויקטאָרס „אָנטייל נעמען“ אין דער „דראַמע“ איז געבליבן אַ סוד[32] צווישן מײַן מאַמען און מיר. אין דער ווירקלעכקייט, איז דער האַלבנאַכטגאַסט אין אַ געוויסן מאָמענט פֿאַרשוווּנדן געוואָרן פֿון אונדזער לעבן.

עטלעכע און דרײַסיק יאָר שפּעטער, ווען די מאַמע איז געשטאָרבן, האָב איך אײַנגעלאַדן אַ סך מענטשן אויף איר לוויה[33]. צווישן צענדליקער און צענדליקער טעלעפֿאָן־נומערן אין איר אַדרעסן־ביכל איז געשטאַנען וויקטאָרס נומער. די ציטערנדיקע שטימע פֿון אַן אַלטן מאַן האָט מיר געענטפֿערט. „וויקטאָר, האָב איך געוואָלט שרײַען, דאָס בין איך, דאָס מיידל פֿונעם טשײַניק וואַסער !“. אַנשטאָט דעם האָב איך פּשוט[34] דערציילט וועגן דעם גרויסן אומגליק און אים פֿאַרבעטן אויף דער לוויה.
איז ער געקומען.

אַז איך האָב געקוקט אין זײַנע בלויע זקנישע[35] אויגן, האָבן מיר ביידע געשוויגן – וועגן דער מאַמען, וועגן אים, דעם האַלבנאַכטגאַסט און וועגן דעם טשײַניק וואַסער.



1. l’invité de minuit/midnight guest 2. bouilloire/kettle 3. SHO'KHNTE voisine/neighbor 4. BESHU'TFESDIKER DIRE appartement partagé/shared apartment 5. MISTOME probablement/probably 6. YO'NTEVDIKS festif/festive 7. festif/celebratory 8. MATO'NEDIKS qui évoque des cadeaux/evocative of presents 9. MISHPOKHE famille/relatives 10. KHAVEYRIM amis/friends, *sing.* חבֿר KHAVER 11. MATONES cadeaux/presents 12. LEKHO'L-HAPOKHES au moins/at least 13. occasions 14. AFILE même/even 15. curiosités/curiosities 16. empaillé/stuffed 17. YAM-... coquillage/seashell 18. SAKONE danger 19. LEVONE lune/moon 20. YAM-... fonds marins/sea bottom 21. KIMA'T presque/nearly 22. E'MESER véritable/real 23. AGEV au passage/by the way 24. ... SHAYEKH en ce qui concerne/as for 25. eau bouillie/boiled water 26. bouilli/boiled 27. détergeant/detergent 28. liquide/liquid 29. KEDE'Y afin de/in order to 30. défendre/defend 31. MAYSE histoire/story 32. SOD secret 33. LEVAYE enterrement/funeral 34. POSHET simplement/simply 35. ZKE'YNISHE de vieillard/old man’s.

# אַ טשײַניק טשײַ, אַ טייניק טיי, און אַ ביסל גראָז אין אַ גלאָז

## פֿון אַנע ערשלער



D.R. The World Atlas of Language Structures

**שוואַרצע פּינטעלעך : טיי־שפּראַכן, גרויע פּינטעלעך : טשײַ־שפּראַכן**

אין אַלע לענדער טרינקט מען טיי און כמעט[1] אַלע שפּראַכן טיילן זיך אין צוויי קאַטעגאָריעס : די וווּ דאָס וואָרט „טיי“ קלינגט טאַקע ענלעך צו „טיי“, און די וווּ דאָס וואָרט קלינגט ענלעך צו „טשײַ“. די געאָגראַפֿיע פֿון אָט דעם פֿענאָמען איז גאָר נישט קיין פּשוטע[2] : שפּאַניש, צום בײַשפּיל, איז אַ טיי־שפּראַך, דאָרט הייסט עס „טע“, אָבער דאָס שכנישע[3] פּאָרטוגאַליש איז אַ טשײַ־שפּראַך – טיי הייסט דאָרטן „טשאַ“. אויף הינדי איז אויך „טשאַ“, נאָר אויף עטלעכע אַנדערע שפּראַכן אין אינדיע הייסט עס „טע“. אין אַראַביש איז עס „שײַ“ ווען אין עבֿרית[4] איז ווידער אַ מאָל תּה[5], און אַזוי ווײַטער.

### צווישן כינע, האָלאַנד און פּאָרטוגאַל

פֿון וואַנען קומט די דאָזיקע צעטיילונג ? די ערשטע מענטשן וואָס האָבן געמאַכט טיי זענען געווען די כינעזער. אַ לעגענדע זאָגט אַז מיט אַ 4700 יאָר צוריק האָט מען געטרונקען אין כינע דאָס ערשטע טעפּל טיי, נאָר אין דער אמתן[6] איז עס מסתּמא[7] פֿאָרגעקומען אַ סך שפּעטער. אינעם 9טן יאָרהונדערט האָט דאָס געטראַנק זיך צעשפּרייט איבער יאַפּאַן, און נאָך שפּעטער אויך אין אַנדערע לענדער. די וויכטיקסטע סוחרים[8], וואָס האָבן געבראַכט טיי קיין אייראָפּע זענען געווען די האָלענדער. זיי האָבן געקויפֿט טיי אין טײַוואַן און פֿוזשיאַן, אין דרום[9] פֿון כינע. אין די דאָרטיקע דיאַלעקטן פֿון כינעזיש הייסט דאָס געטראַנק „טע“ און אַזוי אַרום, אין האָלאַנד און אין אַ סך אַנדערע לענדער וואָס האָבן געקויפֿט זייער טיי בײַ האָלענדישע סוחרים, האָט עס באַקומען דעם נאָמען „טע“ (אָדער ענלעך צו דעם). אָבער נאָך פֿריִער פֿון די האָלענדער, שוין אין 16טן יאָרהונדערט, האָבן געברענגט טיי קיין אייראָפּע פּאָרטוגאַלער סוחרים. זיי האָבן געקויפֿט טיי אין צפֿון[10] פֿון כינע, אין געגנטן[11] וווּ מען רעדט אַרויס דעם נאָמען פֿון געטראַנק ווי „טשאַ“. דערפֿאַר הייסט עס „טשאַ“ אין פּאָרטוגאַליש און האָט ענלעכע נעמען אין אַנדערע לענדער וואָס האָבן באַקומען זייער ערשטן טיי פֿון צפֿון־כינע.

### דער פּוילישער אויסנאַם

עס זענען דאָ ווייניק שפּראַכן וווּ דער געטראַנק הייסט אין גאַנצן אַנדערש, ניט קיין טיי און ניט קיין טשײַ. פּויליש איז אַ זעלטענער בײַשפּיל פֿון אַזאַ שפּראַך : דאָרטן הייסט דאָס געטראַנק „הערבאַטאַ“ און דאָס וואָרט קומט פֿונעם לאַטײַנישן „הערבאַ טעאַ“ אָדער פּשוט פֿון „הערבאַ“, דאָס הייסט, פֿון גראָז. בײַ אַלע פֿעלקער פֿלעגט מען טרינקען אַ גלעזל טיי און אין פּוילן, קען מען זאָגן, פֿלעגט מען טרינקען אַ גלעזל גראָז ! עס קען זײַן אַז דאָס כינעזישע וואָרט „טע“ האָט אויך אַ מאָל באַטײַט „גראָז“, נאָר דאָ איז די געשיכטע אַזוי אַלט אַז מע קען נישט זײַן זיכער. עס זענען נאָך דאָ אַזעלכע פֿעלקער וואָס האָבן געטרונקען אַ מין[12] טיי נאָך איידער מע האָט געברענגט דעם אמתן טיי פֿון כינע, און אַ מאָל איז דער אַלטער נאָמען פֿאַרבליבן פֿאַר טיי. אַזוי איז עס אין דער שפּראַך „קרי“[13] פֿון צפֿון־אַמעריקאַנער אינדיאַנער. דאָרטן האָט אונדזער טיי אַ גאַנץ קאָמפּליצירטן נאָמען „מאַסקינקיוואַפּוי“. נאָר דאָס איז ווידער אַ מאָל אַ זעלטנקייט...

### טיי אין אַ טשײַניק

און וואָס איז מיט דעם וואָרט טשײַניק[14] ? אין טשײַ־שפּראַכן שטאַמט עס טאַקע געוויינטלעך פֿון טשײַ און אין טיי־שפּראַכן פֿון טיי. אין רוסיש הייסט דאָס געטראַנק טשײַ, און טשײַניק הייסט טאַקע טשײַניק. אין ענגליש הייסט דאָס געטראַנק טי. און אויב אַזוי לייגט זיך אויפֿן שׂכל[15], אַז אַ טשײַניק איז דאָרטן אַ טי־קעטל און אַז אַ טשײַניקל[16] איז אַ טי־פּאָט. ווען אַ ישׂראלדיקער[17] ייִד מאַכט טיי, פֿאַרפֿאַרעט[18] ער עס אין אַ תּיון[19], און ווען אַ דזשודעזמע[20] רעדנדיקער ייִד וויל טרינקען אַ גלאָז טשײַ, דאַרף ער האָבן אַ טשײַליק. בײַ אונדז אין ייִדיש איז עס אָבער פֿיל אינטערעסאַנטער : מע קאָכט דאָס וואַסער אין אַ טשײַניק, מע פֿאַרפֿאַרעט עס אין טשײַניקל... און עס באַקומט זיך פֿאָרט שטענדיק טיי, און ניט קיין טשײַ !

1. kima't presque/nearly 2. po'shete simple 3. shkhe'ynishe voisin/neighboring 4. ivrit hébreu moderne/modern Hebrew 5. te 6. … e'mesn en réalité/in fact 7. mistome probablement/probably 8. sokhrim marchands/merchants, *sing*. סוחר soykher 9. dorem sud/south 10. tsofn nord/north 11. régions 12. min sorte/sort 13. Cree 14. bouilloire/kettle 15. … seykhl ça va de soi/it stands to reason 16. théière/teapot 17. yisro'eldiker israélien/Israeli 18. fait infuser/steeps 19. teyon 20. judéo-espagnol/Judeo-Spanish.

אין דעם ליד האָט די דיכטערין מרים[1] אולינאָווער זיך געשטיצט[2] אויף אַ ייִדיש ווערטל[3] : „תּהילים[4] זאָגן און טיי טרינקען שאַטן[5] קיין מאָל נישט“. דאָס ליד איז אַ טייל פֿון אַ ציקל וואָס הייסט „לידער פֿון כעלם“, וואָס זי האָט געווידמעט[6] די „כעלעמער חכמים[7]“. אין ייִדישן פֿאָלקלאָר איז כעלם די שטאָט פֿון די נאַראָנים[8] – אָבער די נאַרישע ייִדן פֿון כעלם האָבן זייער ליב צו לייזן[9] טיפֿע פֿילאָסאָפֿישע קשיות[10]. ס׳איז כּדאַי[11] צו באַמערקן אַז מרים אולינאָווער איז געווען איינע פֿון די ערשטע פּאָעטן וואָס האָבן קינסטלעריש באַאַרבעט די כעלעמער מאָטיוון.



# טיי און תּהילים

## פֿון מרים אולינאָווער

ס׳האָט זיבן טעג געטראַכט ביז צו דעם טאָג דעם אַכטן
און נישט געקאָנט האָט כעלעם זיך צו אַ תּוך[12] דערטראַכטן,
פֿאַר וואָס צום לאָקשנברעט[13] געהערט דאָס וואַלגערהאָלץ[14]
און יעדעס פּרעסאײַזן[15] פֿאַרמאָגט אין זיך אַ באָלץ[16],
און נאָר דער טשײַניק[17] אויפֿן רויטן פֿײַער
איז אָן אַ זיווג[18], אָן אַ פֿרײַנדשאַפֿט אַ געטרײַער.
און מ׳איז געלאָפֿן זוכן די שדכנטע[19] די באָבע,
און זי – האָט דערמאָנט זיך, זיצנדיק בײַ דער כרובע[20],
און אַ זיווג האָט זי אויסגעפֿונען איינס און צוויי[21]
אויך פֿאַר דעם קלאָרן, פֿינקלדיקן[22] טיי.
טיי און תּהילים – אַ שידוך[23] גאָר פֿאַר לײַטן[24],
טיי און תּהילים – זיי וועלן קיין מאָל קיינעם נישט פֿאַרשאַטן[25].



1. MIRYAM 2. s'est basée sur/used as a basis 3. dicton/saying 4. TILIM psaumes/psalms 5. ne font pas de mal/never hurt 6. dédié/dedicated 7. ... KHAKHOMIM sages de Chelm (*ironique*)/wise men of Chelm (*ironic*) 8. sots/fools, *sing.* נאַר 9. résoudre/solve 10. KASHES questions 11. KEDA'Y vaut la peine/is worth 12. TOKH fond, essence/essence, core (Chelm n'a pas réussi à éclaircir l'affaire/Chelm could not get to the bottom of the problem) 13. planche à découper les nouilles/cutting board for noodles 14. rouleau à pâtisserie/rolling pin 15. fer à repasser/iron 16. dans les anciens fers à repasser, la partie que l'on chauffait sur le feu/in old fashioned irons, the part that was heated on a fire 17. bouilloire/kettle 18. ZIVEG *ici* conjoint/mate 19. SHA'DKHNTE marieuse/matchmaker (*fem.*) 20. poêle/stove 21. en moins de deux/in a wink 22. scintillant/sparkling 23. SHIDEKH parti (matrimonial)/match 24. comme il faut/quite proper 25. faire du mal/hurt, harm.



מרים[1] אולינאָווער (1944-1890) איז געבוירן געוואָרן אין דער גרויסער אינדוסטריעלער שטאָט לאָדזש. אפֿשר[2] דערפֿאַר האָט זי דאָס גאַנצע לעבן געשריבן וועגן אַ קליין ייִדיש שטעטל. אין דעם איינציקן בוך וואָס זי האָט פּובליקירט, דער באָבעס אוצר[3] (וואַרשע, 1922), שעפּט[4] זי אַ סך פֿונעם ייִדישן פֿאָלקלאָר. אין אירע לידער מאָלט זי אָפּ די באָבע וואָס מאַכט ליפּעטײ[5], דעם זיידן וואָס זינגט זמירות[6] צי די טאָכטער וואָס בענטשט שבת־ליכט[7]. בשעת דער מלחמה[8] איז זי געווען אין לאָדזשער געטאָ און איז אומגעקומען[9] אין אוישוויץ. די לידער פֿון דער באָבעס אוצר, ווי אויך אַנדערע שאַפֿונגען צעשפּרייטע אין דער ייִדישער פּרעסע, האָט דער פֿאַרלאַג[10] מעדעם־ביבליאָטעק אַרויסגעגעבן אין אַ צווייִשפּראַכיקער אויסגאַבע[11] מיט בתיה בוימס[12] איבערזעצונגען אויף פֿראַנצייזיש, אַ גרוס פֿון דער אַלטער היים[13].

1. MIRYAM 2. EFSHER peut-être/perhaps 3. OYTSER trésor/treasure 4. puise/draws 5. tilleul (tisane)/linden tea 6. ZMIRES hymnes sabbatiques/Sabbath hymns 7. SHABES-... bougies de shabbat/Sabbath candles 8. BESHA'S ... MILKHOME pendant la guerre/during the war 9. péri/was killed 10. maison d'édition/publishing house 11. édition 12. BASYE de/by Batia Baum 13. *Un Bonjour du pays natal*, éd. Bibliothèque Medem, 2003.

# האַק מיר נישט קיין טשײַניק!!!!

איר האָט שוין זיכער געהערט דעם אויסדרוק „האַקן אַ טשײַניק[1]". וואָס מיינט עס ? ס'איז דאָס זעלבע ווי „דרייען אַ ספּאָדיק", „דרייען (אָדער האַקן, אָדער דולן) אַ קאָפּ", „עקבערן דעם מוח[2]", צי סתּם[3] „נודזשען". איר האָט שוין אַוודאי[4] איבערגעלעבט אַזאַ זאַך : אַ מענטש – וואָס אין דעם פֿאַל קען מען אים רופֿן אַ נודניק[5] אָדער אַ ספּאָדיק־דרייער (אָבער ניט קיין „טשײַניק־האַקער") – טשעפּעט זיך צו[6] צו אײַך, הייבט אָן צו רעדן, פּלאַפּלען, ברײַען, נודזשען, און לאָזט אײַך בשום אופֿן[7] ניט אָפּ. אַז אַ דולעניש[8] קען זײַן זייער אַ געפֿערלעכע זאַך און פֿירן צו אַ שוואַרצן סוף, וועלן אײַך זאָגן אַלע דאָקטוירים. עטלעכע ייִדישע אויסדרוקן באַשטעטיקן[9] די דאָזיקע סכּנה[10] : אַ נודניק קען אײַך אָנפּלאַפּלען פֿולע אויערן, מאַכן משוגע[11], אַרויסנודזשען די נשמה[12], מאַכן טראָגעדיק[13], מאַכן אַ לאָך אין קאָפּ, און צום סוף – פֿאַררעדן צום טויט. וועגן דעם האָבן שוין געשריבן אַ סך ייִדישע שרײַבער. דער סאַטיריקער יוסף טונקל[14] האָט געווידמעט אַ גאַנצע הומאָרעסקע די נודניקעס. דער פּאָעט איציק מאַנגער האָט אָנגעוויזן אויפֿן פֿאַקט, אַז האַקן אַ טשײַניק קען מען ניט נאָר רעדנדיק, נאָר אויך בכּתבֿ[15] (אינעם פּראָלאָג צו זײַן ציקל „מגילה[16]־לידער" גראַמט ער[17] „ויזתא[18] דער רעדאַקטער,/וואָס האַקט אַ טשײַניק, האַקט ער"). און אינעם ייִדישן פֿאָלקלאָר איז אַוודאי דאָ אומצאָליקע וויצן וועגן נודניקעס פֿון אַלע סאָרטן.

ווי עס קומט צו דעם אַז „דרייען אַ ספּאָדיק" מיינט דאָס זעלבע ווי „דרייען אַ קאָפּ" איז גאַנץ פֿאַרשטענדלעך. דאָ מיינט מען אַוודאי ניט דעם ספּאָדיק[19] וואָס מע לייגט אונטער אַ גלאָז טיי, נאָר דאָס פֿוטערנע היטל[20] וואָס מע טוט אָן אויפֿן קאָפּ. אַזוי ווי דער קאָפּ און דער ספּאָדיק זענען גאָר נאָענט, ווערן זיי דאָ סינאָנימען. מע קען אַגבֿ[21] אויך זאָגן „דריי מיר נישט קיין היטל", „דאַשיק[22]" אָדער „יאַרמלקע[23]". נאָר פֿון וואַנען קומט דער אויסדרוק „האַקן אַ טשײַניק" ? מע קען געפֿינען עטלעכע אַנאַלאָגיעס צווישן אַ טשײַניק און אַ קאָפּ : ביידע זענען קײַלעכדיק[24], ביידע זענען אַ מאָל פּוסט[25], און אין ביידע קען זיך אַ מאָל קאָכן, ביז עס גייט אַ פּאַרע[26]... און ווען מע קלאַפּט אין אַ טשײַניק, באַקומט זיך זייער אַן אומאײַנגענעמער קלאַנג[27], און עס פֿילט זיך, ווי מע וואָלט אײַך געהאַקט אין קאָפּ. נאָר דאָס אַלץ וועט אײַך ניט זאָגן, ווי אַזוי זיך צו היטן פֿון אַ נודניק. דער טונקעלער טענהט[28] אַז פֿאַר אַ נודניק קען מען זיך קיין מאָל ניט באַהאַלטן. די איינציקע עצה[29] איז – אַנטלויפֿן ווו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט[30]. אַנדערע הייסן טרינקען טיי און זאָגן תּהילים[31], ווײַל ווי באַוווּסט, קען דאָס קיין מאָל ניט פֿאַרשאַטן[32].

1. enquiquiner, soûler de paroles, *litt.* taper sur la bouilloire/annoy, talk a blue streak, *lit.* bang on a tea kettle 2. ... MOYEKh percer le cerveau/drill one's brains 3. STAM simplement/just plain 4. AVADE bien sûr/of course 5. enquiquineur/pest, nuisance 6. s'accroche à/grab hold of 7. BESHU'M OYFN pas du tout/no way 8. embêtement/pain-in-the-neck 9. confirment/confirm 10. SAKONE danger 11. MESHUGE fou/crazy 12. NESHOME âme/soul 13. enceinte/pregnant 14. YOYSEF Tunkel (*pseud.* : Der Tunkeler) 15. BIKSA'V par écrit/in writing 16. MEGILE 17. il fait rimer/he rhymes 18. VAYEZOSE 19. soucoupe/saucer 20. chapeau de fourrure/fur hat 21. AGEV incidemment/by the way 22. visière/visor 23. calotte/skullcap 24. ronds/round 25. vides/empty 26. vapeur/steam 27. son désagréable/unpleasant sound 28. TAYNET prétend/argues 29. EYTSE conseil/advice 30. au bout du monde/to the ends of the earth 31. TILIM psaumes/psalms 32. jamais faire de mal/can never hurt.





## טייגלאָסאַר

| | |
|---|---|
| דער טיי | thé/tea |
| דער קרײַטעכצער־טיי | tisane/herbal tea |
| דער ליפּעטיי | tisane de tilleul/lime (linden) tea |
| דער פֿעפֿערמינץ(־טיי) | thé à la menthe/mint tea |
| דער קאַמילן־טיי | camomille |
| שטאַרקער (שוואַכער) טיי | thé fort (léger)/strong (weak) tea |
| דער טשײַניק (עס) | bouilloire ; théière/kettle; teapot |
| דאָס טשײַניקל (עך) | théière/teapot |
| דאָס טייזעקל (עך) | sachet de thé/tea bag |
| דער סאַמאָוואַר (ן) | samovar |
| אויפֿקאָכן וואַסער | faire bouillir l'eau/boil water |
| פֿאַרפּאַרען | faire infuser/brew |
| לאָזן אָנציִען | laisser infuser/steep |
| אויסמישן | tourner/stir |
| פֿאַרזיסן | sucrer/sweeten |
| די ציטרין (לימענע) | citron/lemon |
| דער צוקער (קינסטלעכער צוקער) | sucre (faux sucre)/sugar (fake sugar) |
| דער האָניק (דאָס אײַנגעמאַכטס, די וואַרעניע) | miel (confiture)/honey (jam) |
| מעלצוקער, מאָנטשקע (קלעצלעך צוקער) | sucre semoule (morceaux)/ powder (lump) sugar |
| דאָס גלאָז (גלעזער) | verre/glass |
| אַ גלאָז (גלעזעלע) טיי | un verre de thé/a glass of tea |
| דער קוביק (עס), דאָס קוביקל (עך) | gobelet/plastic cup, paper cup |
| דאָס טעפּל (עך) | tasse/cup |
| דער ספּאָדיק (עס) | soucoupe/saucer |
| דאָס לעפֿעלע (ך) | petite cuillère/teaspoon |

פֿאָרווערטס

אַרטיקלען דערשינען אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג *פֿאָרווערטס* אין יאַנואַר און פֿעברואַר 2008

# שלום־עליכם[1]־קראַטער אויפֿן מערקור




**דעם 14טן יאַנואַר 2008 איז דער אַמעריקאַנער סאַטעליט „מעסענדזשער“ („שליח[2]“) פֿאַרבײַגעפֿלויגן דעם פּלאַנעט מערקור. דעם גרויסן קראַטער אויפֿן בילד, אַן ערך[3] 200 קילאָמעטער אין דער ברייט, האָט מען אַ נאָמען געגעבן נאָכן גרויסן ייִדישן שרײַבער שלום־עליכם, אַ סימן[4], אַז ייִדיש איז נישט נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך, נאָר אַ צווישן־פּלאַנעטיש לשון[5] !**

1. Sholem-Aleykhem 2. sheliekh messager/messenger 3. ... erekh environ/about 4. simen signe/sign 5. loshn langue/language.

נחום[1] סטוטשקאָוו (1893–1965), וואָס איז געווען אַ לינגוויסט, דער מחבר[2] פֿונעם גרויסן אוצר[3] פֿון דער ייִדישער שפּראַך און פֿונעם גראַמען־לעקסיקאָן[4] אויף ייִדיש, האָט אויך געאַרבעט אין ייִדישן ראַדיאָ אין ניו־יאָרק, ווו ער פֿלעגט ענטפֿערן אויף פֿראַגעס פֿון צוהערער אין שײַכות[5] מיט ייִדישע ווערטער און אויסדרוקן. יעדע וואָך דרוקט דער פֿאָרווערטס אָפּ אַ פּאָר מוסטערן פֿון זײַנע ענטפֿערס.

## מאַמע־לשון[6] נוסח[7] נחום סטוטשקאָוו

צוגעגרייט פֿון לייזער בורקאָ

### שוסטער[8]



אַ ייִד פֿון די בראָנקס [...] נעמט זיך אָן די קריוודע[9] פֿון שוסטערס. פֿאַר וואָס, פֿרעגט ער, זאָגט מען אויף אַ פּאַרטאַטש[10], אויף איינעם, וואָס קען נישט קיין מלאָכה[11], וואָס הרגעט אָפּ[12] אַ שטיקל אַרבעט – „ע, ביסט אַ שוסטער !“.

דאָס איז דערפֿאַר, מײַן פֿרײַנד, וואָס שוסטערײַ איז אין דער אַלטער היים געווען פֿאַררעכנט פֿאַר דער נידעריקסטער מלאָכה, צו וועלכער מ׳האָט נישט געדאַרפֿט זײַן קיין גרויסע בריה[13]. ווען אַ ייִדיש ייִנגל האָט נישט געהאַט קיין חשק[14] צו לערנען, פֿלעגט אים דער טאַטע סטראַשען[15] : „אַז דו וועסט נישט וועלן לערנען, וועל איך דיך אָפּגעבן[16] פֿאַר אַ שוסטער !“. פֿאַר וואָס האָט ער נישט געזאָגט : „איך וועל דיך אָפּגעבן פֿאַר אַ זייגער־מאַכער צי פֿאַר אַ שנײַדער“ ? ווײַל זייגער־מאַכערײַ איז אַן איידעלע[17] מלאָכה, צו וועלכער מען דאַרף האָבן קאָפּ און צו שנײַדערײַ דאַרף מען אויך האָבן אַ שטיקל סמיקאַלקע[18], אָבער צו זײַן אַ שוסטער איז אַ פֿאַרשטאָפּטער קאָפּ[19] אויך גוט. ווײַל, מישטיינס געזאָגט[20], די חכמה[21] וואָס מע דאַרף האָבן צו לייגן אַ לאַטע[22] אויף אַ פּאָר אַלטע טשאָבעטעס[23] – און דאָס זײַנען געווען דאָס רובֿ[24] היימישע שוסטערס, לאַטוטניקעס[25], ווײַל ווען האָט מען געמאַכט אַ פּאָר נײַע שיך אָדער שטיוול ? איין מאָל אין אַ יובֿל[26] און צוויי מאָל אין אַ שמיטה[27] און איינעם פֿון הונדערט פֿלעגט מען פֿאַרטרויען אַ נײַ שטיקל אַרבעט. איז אָט די לאַטוטניקעס האָבן עס גורם געווען[28] אַז דאָס וואָרט „שוסטער“ זאָל ווערן אַ סינאָנים פֿאַר פּאַרטאַטש.

1. nokhem 2. mekhaber auteur/author 3. oytser *ici/here* thésaurus 4. dictionnaire des rimes/rhyming dictionary 5. ... shaykhes en rapport/concerning 6. ...-loshn yiddish 7. nusekh à la manière de/in the style of 8. cordonnier/shoemaker 9. prend fait et cause pour/comes to the defense of 10. maladroit/bungler 11. melokhe métier/craft 12. harget ... massacre/botches 13. berye expert 14. kheyshek envie/desire 15. menacer/threaten 16. mettre en apprentissage/have you apprenticed 17. noble 18. habileté/knack 19. incapable/dullard 20. hélas !/alas! 21. khokhme intelligence 22. rapiécer/patch 23. croquenots/coarse old shoes 24. .. rov la majorité/most 25. rapiéceurs/menders 26. ... yoyvl une fois dans la vie/once in a lifetime 27. ... shmite une fois tous les 36 du mois/once in a blue moon 28. goyrem ... ont fait que/caused.

# די שעכטער־טעכטער אין פּאַריז



**שעכטער־טריאָ**

די משפּחה[1] שעכטער איז שוין יאָרן לאַנג אין סאַמע[2] צענטער פֿונעם ייִדישן קולטורעלן לעבן אין אַמעריקע. לעצטנס האָבן מיר געהאַט דאָס פֿאַרגעניגן צו באַגריסן אין פּאַריז דעם ייִנגסטן דור[3] פֿון דער פֿאַמיליע.

ריינע (13 יאָר) און טעמע־ליבע (8 יאָר), מיט באַגלייטונג[4] פֿון זייער טאַטן בנימין[5] האָבן צוגעגרייט אַ גאַנצן פּראָגראַם אויף דער טעמע „אונדזערע זיידעס און באָבעס ווי קינדער".

בנימין שעכטער איז אַן אָנגעזעענער[6] מוזיקער, ווי אויך אַ כּלל־טוער[7] אין דער ייִדיש־וועלט. ס'איז שוין עטלעכע יאָרן ווי ער פֿירט אָן מיט אַ גרופּע קינדער־קינסטלער מיטן נאָמען „פּריפּעטשיק[8]־זינגערס". די טעכטערלעך (און אויך דער ברודער דניאל[9]), וואָס רעדן פֿליסיק אויף מאַמע־לשון[10] (אָדער, אין זייער פֿאַל[11], „טאַטע־לשון") זענען שוין אויך געניטע[12] בינע[13]־מענטשן. זייער ספּעקטאַקל נעמט אַרײַן אַ ריי[14] קינדער־לידער און לידער וועגן קינדער, אײַנגעטיילט אין פֿאַרשיידענע טעמעס.

דער רעציטאַל הייבט זיך אָן און לאָזט זיך אויס מיט אַן אייגענער שאַפֿונג[15] ; אין דער מיט זענען דאָ גאָר באַוווּסטע לידער פֿון מרדכי[16] געבירטיג, מאַרק וואַרשאַווסקי צי איציק מאַנגער, ווי אויך ווייניקער באַקאַנטע זאַכן ווי „געווען אַ מאָל אין מיטן פֿעלד", אויף דער מוזיק פֿון אַן אַלטן באַפּטיסטישן הימען[17]. די שעכטער־טעכטער זינגען אַוודאי[18] וועגן ליידן און פֿריידן פֿון קליינע און גרויסע מיידלעך („איך וויל ניט אַזאַ חתן[19]"), נאָר זיי קריכן אויך אַרײַן אין דער הויט פֿון חדר[20]־ייִנגלעך („כ'וויל נישט גיין אין חדר") און סתּם[21] יונגע יאַטן[22]. זיי העלפֿן זיך דערבײַ מיט קונציקע[23] רעקוויזיטן[24] און באַנוגענען[25] זיך ניט מיטן בלויזן זינגען, נאָר שפּילן ממש[26] אָפּ זייערע ראָלעס.

דער עולם[27] האָט אויפֿגענומען די טרופּע מיט אַ סך ענטוזיאַזם, און אויך די גאָר קליינע צוהערער האָבן לעבעדיק אָנטייל גענומען אין דעם ספּעקטאַקל, צופּאַטשנדיק מיט די הענטעלעך.

1. MISHPOKHE famille/family 2. plein/very 3. DOR génération 4. accompagnement/accompaniment 5. BINYOMIN 6. éminent/leading 7. KLAL-... dirigeant communautaire/cultural activist 8. לויטן באַקאַנטן ליד „אויפֿן פּריפּעטשיק" 9. DANIEL 10. ...-LOSHN yiddish (*litt.* langue de la mère)/Yiddish (*lit.* mother tongue) 11. cas/case 12. expérimentés/experienced 13. scène/stage 14. série/series 15. création 16. MORDKHE 17. hymne/hymn "Down By the Riverside" 18. AVADE bien sûr/of course 19. KHOSN fiancé/groom 20. KHEYDER-... écoliers/schoolboys 21. STAM ordinaires/ordinary 22. gars/boys 23. astucieux/clever 24. accessoires/props 25. se contentent/are not satisfied 26. MAMESH vraiment/really 27. OYLEM public/audience.



[סוף פֿון זײַט 1]

ער אויסוואַנדערן אַ וועלט, אָנקלײַבנדיק אַלץ מער פּרטים[28]. בײַם סוף[29] באַקומט זיך נישט נאָר אַן עדותשאַפֿט[30] נאָר אַ שטאַרק ליטעראַריש ווערק מיט אַ קינסטלערישער נאַראַציע.

## אַ לעבעדיקע דיסקוסיע

בשעת[31] דעם שמועס האָט מענדעלסאָן אונטערגעשטראָכן[32] אַז די נאַראַציע־קונסט גופֿא[33] איז טאַקע אַ וויכטיקע טעמע פֿונעם ווערק. איידער ער האָט שטודירט די דערציילקונסט פֿון האָמער און פּרוסט, איז ער קינדווײַז פֿאַרכאַפּט געוואָרן[34] פֿון זײַן זיידנס אופֿן צו דערציילן. אַ ציקלישע נאַראַציע מיט פֿילצאָליקע דיגרעסיעס, מעשׂיות[35] פֿול מיט אָפּקלאַנגען[36] פֿון דער נאָענטער און ווײַטער געשיכטע, דאָס אַלץ איז אַן אינטעגראַלער טייל פֿונעם בוך.

די טעמע פֿונעם ווערק איז פֿיל ברייטער ווי אַ מעשׂה וועגן איין משפּחה. „די פֿאַרלוירענע" מיינט נישט נאָר די אומגעקומענע אינעם חורבן, נאָר דעם פֿאַרלוסט[37] פֿון אַ גאַנצער וועלט. „וואָס מיינט פֿאַר אַ מענטשן צו פֿאַרלירן זײַן ציוויליזאַציע ?" – פֿרעגט מענדעלסאָן. און ווי דאַרף אַ שרײַבער דאָס איבערגעבן ? ווי אַזוי דערציילט מען וועגן זאַכן וואָס מע האָט ניט אַליין איבערגעלעבט ? און צי קען מען אַלץ דערציילן ? ווי אַ שרײַבער מוז ער גלייבן אַז אַלץ קען געזאָגט ווערן. און הײַנט צו טאָג, מיט אינטערנעץ און מיט אַלע אינפֿאָרמאַציעס וואָס קומען אַרויס פֿון די סאָוועטישע אַרכיוון קען מען אַ סך אויספֿאָרשן. נאָר אַלץ וויסן וועט מען קיין מאָל נישט.

דער מחבר האָט צוגעגעבן אַז דאָס איז דאָס ווערק פֿון זײַן לעבן, און אַז ער וועט מער נישט קענען אָנשרײַבן אַזאַ בוך. די לייענערס האָפֿן אָבער אַז ער האָט אַ טעות[38].

28. PROTIM détails, *sing.* פּרט PRAT 29. SOF fin/end 30. E'YDESSHAFT témoignage/testimony 31. BESHA'S pendant/during 32. souligné/emphasized 33. GUFE en soi-même/in itself 34. captivé/fascinated 35. MAYSES histoires/stories, *sing.* מעשׂה MAYSE 36. échos/echoes 37. perte/loss 38. ... TOES il a tort/he's wrong.


**דער ייִדישער טעם־טעם**

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט אַנע, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי, שרון ; צייכענונגען : מאַרינאַ.



YIDISHER TAMTAM
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18 passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com


מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם* אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com